בס"ד

יְפֵה נוֹף מְשׂוֹשׂ כָּל הָאָרֶץ הַר צִיּוֹן

תל תלפיות

איבערבליק איבער
די גאלאפירענדע
מלאכת הבני' פונעם

פינת יקרת תל תלפיות
דקהל יטב לב
דסאטמאר
עיה"ק **ירושלים** תובב"א

תְּרוֹמְמֵנוּ לְמַעְלָה לְמַעְלָה תְּקַבְּצֵנוּ לְבֵית הַתְּפִלָּה

תל תלפיות
שכולם פונים אליו

שטייענדיג

אין דעם זמן שמחתינו וועלכע פאראייניגט גאנץ כלל ישראל מיט שפאן און האפענונג צום בנין ציון וירושלים, און וואו יעדער איד בכל קצוות תבל קוקט ארויס אויף דעם "והראינו בבנינו ושמחינו בתיקונו", טוען מיר אייך פארלייגן אן איבערבליק איבער דעם עבר, הווה און עתיד, אינערהאלב די גאלאפירענדע בוי ארבעט פונעם **בנין האדיר והמפואר ד'קהל יטב לב דסאטמאר אין ירושלים עיה"ק.**

"תל תלפיות - שכולם פונים אליו". די הייליגע סאטמארע צענטער וואס ווערט געבויעט ברוב פאר והדר אין הארץ פון די וועלט - ירושלים עיה"ק, ברענגט ארויף געפילן פון פרייד ביי יעדן סאטמארער חסיד, ווען אין די צייט וואס אינדרויסן בודזשעווען בייזע ווינטן פון פרעמדע השקפות, ווערט אהערגעשטעלט א פינת יקרת וואס וועט דינען אלס א אבן שואבת פון תורה ויראה ע"ד הסלולה לנו מרבותינו הק' מדור דור.

"תל תלפיות - שכולם פונים אליו". יעדער סאטמארע חסיד איז באגייסטערט פון די שנעלע פארשריט ווען בלויז אין די פארגאנגענעם יאר, זינט דער מעמד הגדול 'ירושלים של מעלה' ווען כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א האט באזוכט אויפן שטח הגדול - חודש חשון תשפ"ו, האט מען ב"ה אויפגעשטעלט רוב רובו פונעם סטרוקטור מיט אירע קרוב צו אכציג טויזנט סקווער פיס!

"תל תלפיות - שכולם פונים אליו". ווען אימער אן ערליכער איד וועט קומען קיין ירושלים, פון נאנט און ווייט, וועט ער וויסן אז ער האט א הייליגע ווינקל מיט לויטערע לופט און אן העכערע אטמאספער, א בית מקדש מעט פון תורה ותפילה אין אלע שעות פון טאג, אהערגעשטעלט ווי עס פאסט פאר א סאטמארע צענטער לשם ולתפארת.

מיט לויב און דאנק אויף ביז אהער און מיט א תפילה אויף ווייטער אז בקרוב הימים זאל מען זוכה זיין צום "כי עין בעין יראו בשוב ה' ציון" און דער בית מקדש מעט וועט ווערן א טייל פונעם בית המקדש השלישי בב"א.

א פריילינכן יו"ט

ירושלים של מעלה

געהויבענע מעמדי קודש בראשות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

ערשטע היסטארישע מסיבת חתימת שטרות בבית הרבני הנגיד מוה"ר עקיבא הערש קליין הי"ו חבר הנהלת קרן הבנין, מיט די שותפים ובוני ירושלים.

כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א בענטשט טליתי מצוה פאר די
שותפים ובוני הבית לקראת יום הקדוש שנת תשפ"ד לפ"ק
ספעציעלע טליתים וועלכע איז געבינדן מיט ציצית פון
די מצות ראשית הגז דורך מרן רבינו שליט"א.

מעמד יציקת אבן
הפינה דורך מרן
רבינו שליט"א,
פסח שני תשפ"ה

כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א באזוכט על פני שטח הבניה

ספעציעלע מסיבה פאר די שותפי ובוני הבית, בראשות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א,
פארגעקומען אין עיה"ק ירושלים ת"ו, ביים געהויבענעם באזוך בארה"ק חודש כסלו העעל"ט.

מעמד האדיר "ירושלים של מעלה", ביים געהויבענעם באזוך פון
כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א בארה"ק חודש כסלו העעל"ט.
במעמד אלופי אלפי ישראל, בראשות גדולי הדור שליט"א

כזה רא"ה וקדש

ורא"ה
בטוב
ירושלים

אריינבליק
אין עטליכע
אפטיילונגען פונעם
בנין האדיר וואו
עס ווערט געבויעט
בס"ד געווי לויט די
אויג פארכאפנדע
דעזיין וועלכע ווערט
צום ערשטן מאל
פארעפנטליכט

הויפט אריינגאנג צום בנין האדיר
און די 5 פראכטפולע היכלי התפילה









די מקוה מפוארה וועלכע ווערט געבויעט
כליל בהדרו מיט אלע חומרות והידורים

הערליכע
שמחות זאלן
ווערט אהער
געשטעלט
אויף אן
הערליכן
פארנעם





כלולת מגדלים נאים לפי ענין הבנאים

גדול יהי'

כבוד הבית הזה

רייכע חודש'ליכע איבערבליק

איבער די גאלאפירענדע בוי ארבעט

אויפן שטח הגדול אין ירושלים עיה"ק

חשון תשפ"ו - תשרי תשפ"ז

חשון
תשפ״ו

כסלו
תשפ״ו

טבת
תשפ"ן

שבט
תשפ"ן





אדר
תשפ"ו

ניסן
תשפ"ו



אייר
תשפ"ן

סיון
תשפ"ן

תמוז
תשפ"ן

אב
תשפ"ן

אלול
תשפ"ן

תשרי
תשפ"ז

וּשְׁאַבְתֶּם מַיִם בְּשָׂשׂוֹן!

לרגל יו"ט סוכות די יו"ט פון ניסוך
המים לאָזן מיר זיך אַראָפּ אויף אַ
באַזוך אינעם אונטערשטן שטאק
פונעם בנין האדיר והמפואר,
וואו ס'ווערט געבויעט אין די
יעצטיגע מאָנאַטן די מקוה מהודרת
רחבת ידיים מיט אירע פולע
חידושים און איינצלהייטן

איינע

פון די גרויסע חידושים אינערהאלב דעם בנין האדיר תל תלפיות וואס ווערט געבויעט אין די טעג

אין הארץ פון ירושלים עיה"ק, איז די מעכטיגע מקוה מפוארה וואס ווערט אהערגעשטעלט כליל בהדרו, מיט אויסטערלישע הידורים און חומרות עפ"י הוראות הקודש פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

ווי שוין ברייט באקאנט איז פארגעקומען א ספעציעלע אסיפה בבית כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א פארלאפענעם חודש סיון העעל"ט, וואו חברי ועד קרן הבנין אינאיינעם מיט הגה"צ דומ"ץ דקהילתינו הק' בעיה"ק און עוסקים במלאכת הקודש, האבן פארגעלייגט פאר רבינו שליט"א פארשידענע שאלות, און רבינו שליט"א האט אנגעוויזן וויאזוי צו בויען די מקוה אויפן בעסטן און שענסטן פארנעם, אז די מקוה זאל זיין א שלימות ווי עס פאסט פאר אזא בית גדול וקדוש לשם ולתורתו.

איינע פון די הויפט חידושים וואס ווערן געטוהן עפ"י הוראת הקודש, איז די "פייווערגלעס" וואס וועט צום ערשטן מאל! ווערן גענוצט אין ארצינו הקודשה צו גיסן א מקוה בהידור רב אן קיין אייזן-בעטאן, און כדי לעשות רצון צדיק האט מען געדארפט אריבערברענגען מעבר לים די ספעציעלע מאטריאל און ספעציעלע אינדזשינירן וואס זאלן דאס טוהן פאקטיש אויפן שטח.

וועלן מיר אין די פאלגענדע שורות פראבירן צו הערן פון איינע פון די עסקנים פון קהילתינו הק' בירושלים ת"ו איבער די פעולות לטובה וויאזוי דאס אלעס איז צוגעגאנגען.

א גוטן, די שמועות גייען אז די מקוה פונעם בנין הגדול אין ירושלים עיה"ק גייט זיין עפּעס ספּעציעל מיט אירע חומרות און הידורים, קענט איר אביסל מיטטיילן?

די טעכנישע בוי אַרבעט פאַר די מקוה המהודרת האָט זיך אָנגעהויבן בשעה טובה פאַרלאָפענעם ענדע ווינטער תשפ"ו, ווען מען איז אָנגעקומען אין אַ מזל'דיגע שעה צו אָנהייבן בויען די צווייטע אונטערערדישע שטאָק פון דעם בנין הגדול והמפואר.

אין די צייט וואס די טראַקטאָרן האָבן אויסגעפלאסטערט דעם גרוב און די ארבעטער האבן געגאסן די יסודות הבנין, האָבן רבני קהילתינו הק' בירושלים אין שפּיץ פון הגה"צ דומ"ץ דקהילתינו שליט"א זיך אַריינגעוואָרפן צו מברר זיין וויאַזוי מ'זאָל קענען זוכה זיין צו בויען אַ מקוה מהודר ביותר, דער דיין שליט"א האָט גערעדט מיט רבנים ודיינים און מיט עקספּערטן וויאַזוי אַהערצושטעלן די בורות, אויסצואַרבעטן אַלע פּרטים איבער די אוצרות מי גשמים, די בורות הטבילה און נאך.

און ב"ה די פלענער זענען אויסגעשטעלט געווארן מיט אירע אלע דעטאלן, ווען יעדע בור טבילה האט 3 אוצרות מי גשמים מיט אלע הידורים לויט די הלכות, חומרות און הידורים, וואס זענען אנגענומען געווארן עפ"י הוראות רבותינו הק', מיר וועלן נישט אריינגיין אין אלע דקדוקי הלכות אבער מ'קען זאגן אז יעדע איינציגע חומרא און הידור איז געווארן אריינגעשטעלט אין דעם מקוה אויפן שענסטן און בעסטן פארנעם.

דאס אלעס איז געווארן נאכאנאנד אויסגעשמועסט טעלעפאניש מיט כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א ועל פיו יושק כל דבר קטן כגדול אז די מקוה זאל זיין א כלי מפוארה בכלי מפואר בתכלית השלימות בע"ה.

וואס איז געווען די וויכטיגע אסיפה ביי מרן רבינו שליט"א און וואס זענען געווען די אנווייזונגען?

ווען מען גרייט זיך צו גיסן די בורות פאַרשטייט יעדער אַז עס דאַרף זיין גאָר שטאַרק געבויעט אַז עס זאָל קענען האַלטן די וואַסער און בלייבן פעסט. דעריבער בויעט מען בורות פון בעטאן - אין ענגליש הייסט עס קאַנקריט [Concrete]. קאַנקריט איז אַ געמיש פון צעמענט, זאַמד, זאַמד-שטיינער און וואַסער.

אָבער דער פּראָבלעם איז אַז קאַנקריט פאַר זיך איז נישט גענוג שטאַרק פאַר אַ בור הטבילה, דעריבער מוז מען אויך אַריינמישן "אייזן" אין די קאַנקריט-בעטאן.

אָבער ביי אַ מקוה איז דא א פּראבלעם צו אריינלייגן אייזן וויבאלד עס איז א דבר המעמיד, און עס טוט זיך שאלות דערוועגן אויב מען מעג בויען אַ בור מיט אייזן, דאָס גייט אַריין אין די סוגיא פון הוייתו על ידי טהרה, איבער די דאָזיגע שאלה איז דא א תשובה פון מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, ואכמ"ל.

איז נישטאָ עפּעס פּאַטענטן וואס מען קען נוצן נישט צו דאַרפן בויען פון אייזן בעטאן?

עס איז יאָ דאָ, אַ שטייגער אַז מען וואָלט געקענט בויען אַ בור מיט אייזן-בעטאן, און אויסער דעם מאַכן נאָך אַ דינע וואַנט אינעווייניג אינעם בור וואָס דאָס איז בלויז פון ריינע בעטאן, און דאָס נעמט אַוועק די חשש.

אָבער דער פּראָבלעם איז אַז די בעטאן האלט זיך נישט הונדערט פּראצענט שטארק, און יעדע קליינע שפּאלט קען אוועקנעמען דעם הידור און געוויס אויך מאכן א פּראבלעם פון 'זוחלין'.

ווי פריער דערמאַנט, איז צווישן די וואונדערליכע אַכצן יסודות'דיגע תשובות בהלכות מקוואות וואָס מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האָט אָפּגעשריבן און איז געדרוקט אין שו"ת דברי יואל, דערמאַנט דער רבי די דאָזיגע שאלה אין א תשובה פאַר הגה"צ רבי יצחק יהודה דייטש אבדק"ק סענדרא זצ"ל דאַן אין עיר הבירה וויען אין וואָס דער רבי איז מבאר דעם ענין פון בויען אַ מקוה מיט אייזן-בעטאן.

דער רבי הייבט אן אַזוי: "עס איז מיר אָנגעקומען אייער בריוו איבער די מקוה, און איך בין אַסאַך פאַרנומען, נאָר וויבאַלד איר האָט מיר געשריבן די געוואַלדיגע נחיצות, וועל איך אייך ענטפערן. אויף אייער שאלה אַז דער אינזשעניר וויל נישט פאַרזיכערן אַז די ווענט פון די מקוה און בורות וועלן זיין

געוואָג שטאַרק און זיך נישט שפּאַלטן, נאָר אויב מען וועט אַריינלייגן אין די בעטאן "חוטי ברזל" וואָס ווערט אָנגערופן "אייזן בעטאן", און איר זענט זיך מסתפק און איר פרעגט אויב מען זאָל עס מתיר זיין".

דאָרט אינעם תשובה אַרבעט דער רבי אויס אַ מהלך בהלכה אַז מען זאָל יאָ קענען בויען אַ מקוה אויך מיט אייזערנע שטאנגען, אָבער נאָכאַלץ פּירט דער רבי אויס מיט דעם לשון: "און על כל פּנים מיט אַלע אויבנדערמאַנטע צירופים עס האָט נישט קיין דין מעמיד צוליב די טעמים וואָס איך האָב מבאר געווען וכו' וכו', קוקט אויס אַז עס איז זיכער כשר לכולי עלמא צו זיך טובל'ען דערינען, אָבער מיט דעם אַלעם למעשה ווען איך האָב געבויעט די מקוה דאָ האָב איך עס נישט געמאַכט מיט חוטי ברזל".

אַז מען זעט אַזעלכע ווערטער פון רבי'ן זי"ע, פאַרשטייט מען אַז טראָץ וואָס עס איז מעגליך דאָ מהלכים צו בויען מיט אייזערנע שטאנגען, מיט דעם אַלעם אַז דער רבי האָט מחמיר געווען פאַר זיך, דאַרפן מיר אויך זוכן וועגן וויאַזוי צו מחמיר זיין.

דער דיין שליט"א האָט זיך פארבינדן מיט הגאון המפורסם רבי יצחק זאב טריגער שליט"א בקי ומומחה נפלא לבניית מקואות בישראל, און דער דיין שליט"א האָט פאָרגעלייגט די שאלה וואָס מען קען טאָן, האָט רבי יצחק שליט"א געזאָגט אַז עס איז פאַרהאַן אַ מאַטעריאַל וואָס מען רופט "פייווערגלעס", דאָס איז אַ מאַטעריאַל וואָס ווערט ערצייגט פון גלאָז און דאָס האָט מען לעצטנס אָנגעהויבן אַריינצומישן אין די בעטאן "אַנשטאָט" אייזן, און עטליכע מקוואות אין די וועלט וואו רבי יצחק איז געווען ארייגעמישט האָט מען שוין געבויעט מיט אָט די דאָזיגע מאַטעריאַל וואָס נעמט אַוועק אַלע שאלות.

עס איז נישט צום שילדערן די שמחה וואָס האָט געהערשט צווישן די חברי ועד קרן הבנין, ווען דער אינזשעניר האָט באַשטעטיגט די פּראָיעקט. מען האָט געזען בחוש אַז פון פּאָלגן האָט מען נישט חרטה, און אַז מען איז באמת געטריי לעשות רצון צדיק קען מען אָנקומען צו אַ עמק השוה.

אָה שוין איז דאָך שוין אַלעס גוט, געגאַנגען צו די מלאכה?

אָה, דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ פרישע סיטואַציע. דער דיין שליט"א האָט זיך גלייך פאַרבינדן מיט אַ חשוב'ער מומחה פון מקוואות אין ארה"ק און אים געפרעגט אויב ער האָט שוין געהערט איבער די דאָזיגע פּאַטענט פון נוצן פייווערגלעס, די ענטפער איז געווען אַז אין ארץ ישראל נוצט מען נישט ביים בויען, אָט די דאָזיגע מאַטעריאַל, עס איז נאָר גוט אויף אַנדערע סאָרט בוי-פּראָיעקטן אָבער נישט אויף מקוואות.

למעשה, דורכאויס די רייכע אסיפה בביתו נאוה קודש פון רבי'ן זאָל זיין געזונט, האָט דער דיין שליט"א אַראָפּגעלייגט די שאלה, און דער רבי האָט גלייך אַ זאָג געטאָן אָן אַריינצוגיין אין פרטים "מאַכטס די ווענט מיט פייווערגלעס!"

פאַרשטייט זיך אַז ווי נאָר דער רבי האָט דאָס געזאָגט האָט מען דאָס אַזוי אָנגענומען אָן קיין ספיקות, און איינער פון די אָנוועזנדע האָט געפרעגט דעם רבי'ן "וועלכע בורות זאָל מען בויען מיט די דאָזיגע מאַטעריאַל?" האָט דער רבי געזאָגט קלאָר "אַלע בורות!"

ווען איינער פון די אנוועזנדע האט ארויסגעברענגט אז אויך אויב מ'וועט דאס קענען טון איז דאס היבש טייערער ווי די געווענליכע בעטאָן, האט הרבני הנכבד יו"ר ועד קרן הבנין מוה"ר אברהם בראך שליט"א מראשי קהילתינו הק' זיך אנגערופן אז געלט וועט נישט זיין קיין אפהאלט!

ביי די אסיפה האָט מען אויך איבערגעשמועסט די גענויע דעטאַלן פון די בור על גבי בור, בור הדברי חיים, אוצר מי גשמים, און נאָך שאלות און מהלכים, און דערמיט האָט זיך די אסיפה געשלאָסן מיט אַ געוואַלדיגע התרוממות הנפש ווען יעדער איז אַרויס קלאָר לדעת את המעשה אשר יעשון.

הייסט אַז דעם רבי'נס פּסק איז געווען צו מאַכן פון פייווערגלעס, אָבער איר זאָגט אַז די עקספּערטן אין ארץ ישראל האָבן געזאָגט אַז מען קען עס פּאַקטיש נישט דעליווערן?

יאָ גערעכט, אָבער נאך וואס הדבר יצא מפי המלך האט מען געוואוסט אז ס'איז דא א פליכט און א זכות לעשות רתון צדיק און ס'וועט זיכער זיין סייעתא דשמיא!

די חברי הועד אין ירושלים האבן זיך באלד גענומען צו די מלאכת הקודש, מען האט זיך פאַרבינדן מיט אַלע פירמעס וואָס פאַבריצירן בעטאן אין ארץ ישראל, און פרובירט צו הערן אויב איין פירמע קען העלפן מיט די נייע סאָרט בעטאן געמישט מיט פייווערגלעס אַנשטאָט מיט אייזן, אָבער למעשה האָבן די בעטאן פירמעס אַנטזאָגט.

דאָס זוכן אַ פירמע איז געגאַנגען אַזוי ווייט אַז דורכאויס די זוכענישן, איז מען געוואויר געוואָרן די באַן פירמעס דאָ אין ארץ ישראל נוצן פייווערגלעס-בעטאן פאַר פאָרזיכטיגע ערטער וואו מען ציט אַריבער באַן-שינעס ווי למשל אויף בריקן און געפאַרפולע פלעצער וואו די באַן-שינעס מוזן זיין גאָר שטאַרק און פאַרזיכערט. מען איז שוין געווען ממש בשמחה אז אפשר וועלן יענע פירמעס קענען העלפן, און מען איז שוין געזיצן מיט יענע פירמעס אויף מיטינגען. מען האָט געמיינט אַז מען וועט שוין קענען בויען אַ גוטע וואַנ"ט פאַר די בורות, אָבער למעשה האָט זיך עס נישט אויסגעאַרבעט און אין מציאות האָט מען געטאַפּט אַ וואַנ"ט...

למעשה?...

אין ענדע האָט אַ לאָקאַלע פירמע אונז פאַרבינדן מיט אַ שווייצער בעטאָן פירמע וואָס פאַבריצירט פייווערגלעס, און זיי האָבן געגעבן גענויע אָנווייזונגען וויפיל פייווערגלעס אַריינצוגיסן אין די בעטאָן, און עס האָט שוין אויסגעקוקט אַז מען גייט עס קענען באַוויזן.

אָבער ווען דער קאָנטראַקטאָר איז געקומען זאָגן פאַר'ן אינזשעניר די פלענער האָט דער אינזשעניר געזאָגט אַ גרויסע 'ניין' אַז טעכניש קען מען נישט בויען מיט דעם!

עס איז געוואָרן אַ שטאַרקע פאַרלעגנהייט דאָ וואָס צו טאָן. פון איין זייט וויל מען זיך נישט רירן פון רבי'נס פסק, און מען האָט שוין אפילו דורכגעבראָכן דעם חלק פון טרעפן אַ פירמע אין שווייץ וואָס זאָל אַרויסהעלפן, און אַצינד איז שוין דער קאָנטראַקטאָר גרייט, אָבער דאָ קומט אונטער אַ פּראָבלעם אַז פאַקטיש קען מען נישט נעמען אחריות אז דאס גייט ארבעטן...

די דאָזיגע פאַרלעגנהייט האָט זיך געצויגן פאַר עטליכע וואָכן, דורכאויס די צייט איז דער קאָנטראַקטאָר געזיצן כסדר מיט די פירמע פון שווייץ און געבעטן פרישע פלענער, און עס געוויזן פאַר'ן אינזשעניר וואָס האָט אָפּגעוואָרפן איין פּלאַן נאָך די אַנדערע, און עס האָט זיך געשלעפּט און געצויגן פאַר עטליכע לאַנגע וואָכן!

מ'האט שוין 'כמעט' געהויבן הענט ווען ענדליך נאָך עטליכע וואָכן איז די פירמע פון שווייץ צוריק געקומען מיט אַ געוויסע מהלך, וואָס דאָס האָט שוין דער אינזשעניר יאָ אַקצעפּטירט!

עס איז נישט צום שילדערן די שמחה וואָס האָט געהערשט צווישן די חברי ועד קרן הבנין, ווען דער אינזשעניר האָט באַשטעטיגט די פּראָיעקט. מען האָט געזען בחוש אַז פון פאָלגן האָט מען נישט חרטה, און אַז מען איז באמת געטריי לעשות רצון צדיק קען מען אָנקומען צו אַ עמק השוה.

דער אינזשעניר האָט ביי דעם שטאַפּל געשריבן אַ פונקטליכער באַריכט ווי הויעך די וועגנט דאַרפן זיין און ווי ברייט, און געשיקט אַלע פּלענער צוריק קיין שווייץ, און יעצט בשעת אונזער שמועס וואַרט מען אַז די מאַטעריאַל זאָל ווערן גרייט, וואָס דאָס נעמט פון צוויי ביז פיר וואָכן בע"ה ווי מ'וועט עס אַריבערשיקן קיין ארץ ישראל מיט א שיף.

למעשה וואָס זעט מען יעצט ווען מען באַזוכט אין די מקוה?

יעצט איז דאָ איין גרויסע "קרעדל" אין דער ערד, און אין דעם גרויסן לאָך גייט ווערן געגאָסן די פיר בורות הטבילה, און פאָראויס פון יעדע בור, גייט ווערן געגאָסן דריי אוצרות, אַ בור על גבי בור און אַ בור דברי חיים.

אַלעס צוזאַמען רעדט מען דאָ פון אַ שיינע פּאָר חדשים וואָס האָט זיך פאַרשלעפּט בלויז די דאָזיגע עבודת הקודש... די עצם פלענער פאַר יציקת הבורות און דאָס אָנהייבן בויען דעם שטאָק האָט זיך שוין אָנגעהויבן בערך ל"ג בעומר תשפ"ו, און דער פאַקטישער יציקת הבורות וועט ערשט זיין אין די ווינטער חדשים פון תשפ"ז.

דאס אלעס איז געווען אן אפהאלט כדי צו אנקומען צו די תכלית השלימות מיט די חומרות און הידורים ווי עס פאסט פאר דעם בנין אדיר ומפואר תל תלפיות דקהילתינו הק' אין קרתא דשופריא.

אָבער פאַרשטייט זיך אַז דורכאויס די דאָזיגע תקופה איז די בוי אַרבעט נישט געשלאָפן, יעדער קען זען מיט די אייגענע אויגן ווי עס ציט זיך אַרויף אַ פּרעכטיגע געביידע העכער און העכער בסייעתא דשמיא, לשם ולתפארת, אָבער מען זעט ווי געטריי די חברי ועד קרן הבנין זענען אַז די גאַנצע געביידע זאָל זיין געבויעט מיט אַלע הידורים ברוחניות ובגשמיות בעז"ה.



תבנה
קומו"ת
ירושלים

קומה 2-

פראכטפולע שמחה זאלן

הערליכע שמחות זאל פאר גרעסערע און קלענערע שמחות

קומה 1-

מקוה מהודרת

3 גרויסע בורות טבילה | 40 שאווער׳ס | מקוה פרטי פאר כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

רחבת׳דיגע קאווע שטיבל | מקוה געשעפט



הויפט ארייגאנג צום בנין הגדול

5 הערליכע היכלי תפילה | ברייטע לאבי לתועלת הציבור
2 נייע קלאסן און חדרי עזרה דמוסדותינו הק'



א בליק



קומה ב'

היכל בית המדרש הגדול לתורה ותפילה

פראכטפולע היכל ביהמ"ד | איבער 600 זיץ פלעצער

ריזיגע אוצר הספרים | חדר מיוחד פאר כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א



קומה ג'

עזרת נשים
רחבות׳דיגע עזרת נשים

היכל הכולל
היכל התורה פאר כוללינו המפוארה



קומה ד'

ישיבה קטנה
היכל הישיבה | 3 חדרי שיעורים | עס זאל | חדר מגידי שיעורים | חדר עזרה

קומה ה׳

תלמוד תורה (קומה א׳)

9 רחבות׳דיגע קלאסן | עס זאל פאר תלמידי הת״ת | חדר מנהל ומלמדים

קומה ו׳

תלמוד תורה (קומה ב׳)

די שטאק איז געפלאנט בעז״ה
צו געגאסן ווערן דעם קומענדיגן
חודש חשון הבעל״ט

9 רחבות׳דיגע קלאסן
היכל בית המדרש
לתשב״ר | חדר עזרה



וַהֲבִיאֵנוּ לְצִיּוֹן עִירְךָ בְּרִנָּה וְלִירוּשָׁלַיִם בֵּית מִקְדָּשְׁךָ

ובנה ירושלים עיר הקודש

ועד

קרן הבנין

שע"י קהל יטב לב דסאטמאר

בעיה"ק ירושלים תובב"א

בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

מיסודו של כ"ק מרן רביה"ק זיעועכי"א

וְהַרְאֵנוּ בְּבִנְיָנוֹ וְשַׂמְּחֵנוּ בְּתִקּוּנוֹ